Publié par
la Maison de la culture
yiddish - Bibliothèque
Medem avec le concours
de la Délégation Générale
à la Langue Française
& la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 12, נומער 4 (59)

אייר תשס"ז/אַפּריל 2007

# דרײַ פֿרויען אויבן אָן[1]

## חווה[2] טורניאַנסקי און גליקל האַמל

אין 2006, נאָך לאַנגע יאָרן אַרבעט, איז אַרויס אין ירושלים[3] אַ גרויסע און וויכטיקע פֿאָרש־און איבערזעצונג־אַרבעט, די זכרונות[4] פֿון גליקל האַמל (1724-1645), אַרויסגעגעבן דורך חווה טורניאַנסקי אינעם ייִדישן אָריגינאַל מיט אַ העברעיִשער איבערזעצונג, אַן אויספֿירלעכן[5] אַרײַנפֿיר און פֿוסנאָטעס. גליקל האַמל איז געווען אַ ייִדישע פֿרוי פֿון אַ סוחרישער משפּחה[6], וואָס האָט געוווינט אין דײַטשלאַנד אין 17טן יאָרהונדערט. אין די יאָרן 1719-1691 האָט זי אָנגעשריבן אירע זכרונות פֿאַר אירע קינדער כּדי[7], ווי זי האָט אַליין דערקלערט, זײ זאָלן וויסן ווי אַזוי זיך צו פֿירן. זי דערציילט פּערזענלעכע פּרטים[8] פֿון איר אייגן לעבן אָבער אויך וויכטיקע געשעענישן אין דער ייִדישער געשיכטע, ווי די פּאָגראָמען פֿון כמעלניצקיס קאָזאַקן (1649-1648) און די אָפּקלאַנגען[9] פֿון דער שבתי־צבֿי באַוועגונג[10]. די זכרונות האָט מען שוין איבערגעזעצט אויף אַ סך שפּראַכן, נאָר דאָס איז די ערשטע וויסנשאַפֿטלעכע אויסגאַבע[11].

חווה טורניאַנסקי איז געבוירן געוואָרן אין מעקסיקע און דאָרטן געגאַנגען אין די ייִדישע שולן. זי האָט זיך באַזעצט אין ישׂראל אין 1957 און געוואָרן פּראָפֿעסאָר פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אויף דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, ווו זי פֿאַרנעמט זיך מיט דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור אין איטאַליע און אין דײַטשלאַנד. זי האָט אַ סך מיטגעאַרבעט מיט עריקאַ טים, אַ ספּעציאַליסטקע פֿון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור פֿון דער אוניווערסיטעט אין טריר (דײַטשלאַנד). פֿאַר אירע פֿאָרשונגען וועגן פֿרויען אין דער אַלטייִדישער ליטעראַטור האָט חווה טורניאַנסקי באַקומען אין 2006 דעם ביאַליק־פּרײַז, דעם העכסטן פּרײַז אין ישׂראל.



בערטאַ פּאַפּענהײַם פּאָזירט פֿאַרן „פּאָרטרעט“ פֿון גליקל האַמל געמאָלט דורך לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי (1923).

1. à l’honneur/in the place of honor 2. khave 3. yerusholaim Jérusalem 4. zikhroynes mémoires/memoirs 5. exhaustif/detailed 6. so'khrisher mishpokhe famille de commerçants/family of merchants 7. kede'y afin que/so that 8. protim détails 9. répercussions 10. shabse-tsvi … mouvement messianique de/Messianic movement of Sabbatai Zvi 11. édition universitaire/scholarly edition.

## קאָרמאַן־פּרײַז פֿאַר רחל ערטעל[1]

ס'איז שוין איבער 20 יאָר ווי דער קאָרמאַן־פּרײַז ווערט צוגעטיילט[2] יעדעס יאָר דורכן פֿאַרבאַנד פֿון ייִדישע געזעלשאַפֿטן אין פֿראַנקרײַך[3] פֿאַר אויפֿהיטן די ייִדישע קולטור אויף אַלע געביטן : ליטעראַטור, טעאַטער, פֿאָרשונג, מאָלערײַ, סקולפּטור און מוזיק. זינט 1986 האָבן אים שוין געקראָגן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי די שרײַבער לילי בערגער, חיים[4] סלאָוועס, משה[5] שולשטיין, דער איבערזעצער פֿון דער פֿראַנצייזישער פּאָעזיע אויף ייִדיש מרדכי[6] ליטווין, דער זינגער זשאַק גראָבער, דער אַקטיאָר זשעראַר פֿרידמאַן, און דער פֿאָרשער און לערער יצחק[7] ניבאָרסקי. ייִדל קאָרמאַן, אַ געבוירענער אין לאָדזש, האָט זיך אויסגעצייכנט[8] ווי אַ מוטיקער קעמפֿער אין דעם אַנטי־נאַצישן ווידערשטאַנד[9] אין פֿראַנקרײַך. שפּעטער איז ער געווען אַ מיטגרינדער פֿונעם פֿראַנצייזישן אָפּטייל פֿונעם וועלטראַט פֿאַר ייִדישער קולטור[10]. נאָך זײַן טויט אין 1979 האָט מען אײַנגעפֿירט דעם פּרײַז אויף זײַן נאָמען.

הײַיאָר, דעם 27סטן מאַרץ 2007, האָט דעם פּרײַז באַקומען רחל ערטעל, פּראָפֿעסאָרשע פֿון ייִדישער און אַמעריקאַנער ליטעראַטור. רחל ערטעל האָט זיך אויפֿגעהאָדעוועט[11] אין אַ

1. rokhl … Rachel Ertel 2. décerné/awarded 3. Union des sociétés juives de France 4. khayim 5. moyshe 6. mordkhe 7. yitskhok 8. s’est distingué/distinguished himself 9. résistance 10. Conseil mondial de la culture yiddish/World Council for Yiddish Culture 11. grandi/grew up

[סוף זײַט 4]

אין שײַכות מיט[1] דעם הײַיאָריקן סעזאָן „ווען די ווײַסל[2] האָט גערעדט ייִדיש" אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק, האָבן מיר אויסגעקליבן אַ פּאָר מוסטערן[3] פֿון דער רײַכער ייִדישער ליטעראַטור וועגן וואַרשע.

שמואל[4]־לייב שנײַדערמאַן (1906–1996) איז געבוירן געוואָרן אין קוזמיר[5] און צו 18 יאָר געקומען קיין וואַרשע. אין 1933 איז ער אַוועק קיין פּאַריז, דערנאָך אין ניו־יאָרק, און שפּעטער זיך באַזעצט אין ישׂראל[6]. ער איז באַקאַנט געוואָרן ווי אַן איבערזעצער און אַ זשורנאַליסט, און פּאָפּולער מיט זײַנע רײַזע־באַשרײַבונגען. איינס פֿון זײַנע באַרימטסטע ביכער, *ווען די ווײַסל האָט גערעדט ייִדיש*, איז אַ באַשרײַבונג פֿון אַ רײַזע אין פּוילן נאָך דער מלחמה[7] און דערמאָנונגען פֿון דעם אַמאָליקן ייִדישן לעבן. דער טיטל פֿון אָט דעם ווערק האָט אינספּירירט דעם נאָמען פֿון דער הײַנטיקער אויסשטעלונג[8] אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער.
דער ווײַטערדיקער טעקסט איז גענומען פֿון אַ פֿריִערדיק בוך, *צווישן נאַלעווקעס און אײַפֿל־טורעם*[9] (וואַרשע, 1953).

# די טרויעריקע געאָגראַפֿיע פֿון די נאַלעווקעס

## פֿון שמואל־לייב שנײַדערמאַן



נאַלעווקעס, גענשע און פֿראַנציִשקאַנער[10]. ווי אַ צלם[11] זענען די דרײַ גאַסן אײַנגעקריצט אין האַרץ פֿון ייִדישן וואַרשע.
דער גוף[12] זענען די נאַלעווקעס, און די צוויי צעקרייצטע הענט – גענשע און פֿראַנציִשקאַנער. פֿון דאַנען טראָגט זיך אַן אייביקער „שמע־ישׂראל[13]!"
עס שרײַען די בעטלער, וואָס טראָגן אַנטקעגן[14] די דלאָניעס[15] מיט אויסגעקרימטע פֿינגער, ווי צעלעכערטע פּושקעס[16]. עס שרײַען די צעשראָקענע גאַסן־הענדלער און שטילערהייט מורמלען עס די אויפֿקויפֿערס פֿון דאָלאַרן, וואָס שפּאַנען הין און צוריק אויף די בלאָטיקע טראָטואַרן[17] און פּראַווען „שוואַרצע בערזע"[18] אין די פֿאַרחושכטע[19] הייף[20] פֿון די נאַלעווקעס.
אויף דעם דאָזיקן דרײַ־גאַסיקן צלם קרייציקט זיך די ייִדישע נויט[21] און עס קלינגען די „זילבערנע טאָלערס" בײַ די סוחרים[22] פֿון מאַנופֿאַקטור[23], לעדער און אַנדערע בראַנזשעס מכּל־המינים[24].
אין די קעלערס וווינען די אָרעמע בעטלערס, שוסטערס, שנײַדערס, בעקערס, און אויף די שטאָקן ברעכן זיך די פּאָליצעס[25] מיט מאַנופֿאַקטור און מיט האַרטער און ווייכער לעדער.
פֿון מאָנטיק ביז דאָנערשטיק אײַלן איבער די דרײַ גאַסן פֿאַרהאַוועטע[26] ייִדן פֿון די ווײַטסטע שטעטלעך. מיט צעפֿלאַטערטע[27] שוואַרצע פּאָלעס[28], ווי צעשראָקענע פֿייגל, לויפֿן זיי אַפֿער[29] פֿון אונטער די קלינגענדיקע רויטע טראַמווייען. ווי פֿלייסיקע בינען[30] טראָגן זיי צונויף די אײַנגעקויפֿטע פּעקלעך אין די דומפּיקע[31] אַכסניות[32], ווו זיי דאַווענען אויף שנעל אין פֿאַרשמאָלצעוועטע[33] אויסגעבאָרגטע טליתים[34] און עסן געדיכטע קרופּניקס[35] מיט פֿעטע ביינער.
אין די פֿרײַטיקדיקע פֿאַרנאַכטן אײַלן זיי צו די מוראַנאָווער פּלעצער און אין איבערגעלאָדענע פֿאַרבלאָטיקטע אויטאָבוסן צעפֿאָרן זיי זיך אין די שטילע שטעטלעך אַרײַן.
אַזוי איז געווען אין די גוטע יאָרן... [...]




**אַ הויף אויף די נאַלעווקעס,**
**דער סימבאָל פֿון דער ייִדישער וואַרשע** D.R.

1. ... SHAYKHES ... en rapport avec/in connection with 2. Vistule/Vistula 3. exemples/samples 4. SHMUEL 5. Kazimierz Dolny 6. YISROEL 7. MILKHOME guerre/war 8. exposition/exhibition 9. *De la rue Nalewki à la tour Eiffel/From Nalewki Street to the Eiffel Tower* 10. Nalewki, Gesia, Franciszkanska – trois rues de Varsovie/three Warsaw streets 11. TSEYLEM croix/cross 12. GUF corps/body 13. SHMA YISROEL credo juif/Jewish credo 14. tendent/hold out 15. paumes/palms 16. troncs à aumones troués/alms boxes with holes 17. trottoirs boueux/muddy sidewalks 18. échangent des devises au marché noir/doing "black market" exchange 19. FARKHOYSHEKHTE sombres/dark 20. cours/courtyards, *plur. de/of* הויף 21. misère/poverty 22. SOKHRIM commerçants/merchants 23. *ici* tissus/*here* fabrics 24. MIKOL-HAMINIM de toutes sortes/of all sorts 25. étagères/shelves 26. affairés/bustling 27. flottant au vent/flying 28. pans (des habits)/coattails 29. אַרויס 30. abeilles industrieuses/busy bees 31. sentant le moisi/damp 32. AKHSANYES auberges/inns 33. crasseux/filthy 34. TALEYSIM châles de prière/prayer shawls ; *plur. de/of* טלית TALES 35. soupes d'orge perlé/barley soup.

# ייִדישע שרײַבער אין וואַרשע

## פֿון ל. שאַפּיראָ

די נשמה[1] פֿון דער וואַרשעווער ליטעראַרישער וועלט איז געווען יצחק־לייבוש פּרץ[2]. זײַן וווינונג אויף צעגלאַנע[3] נומער 1 איז געווען אַ טרעפֿפּונקט פֿון שרײַבער און קולטור־מענטשן. יונגע מענטשן מיט ליטעראַרישע אַמביציעס פֿלעגן קומען פֿון וועט און נאָענט צו ווײַזן פּרצן זייערע ערשטע ווערק און הערן זײַן אָפּשאַצונג[4]. איינער פֿון זיי איז געווען ל. שאַפּיראָ, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן מיט זײַנע פּאָגראָם־דערציילונגען און ניו־יאָרקער נאָוועלן. די קליינע פֿראַגמענטן דאָ אונטן, ווו ער דערציילט זײַנע צוויי באַזוכן אין וואַרשע, קומען פֿונעם בוך זכרונות[5] *דער שרײַבער גייט אין חדר*[6] (לאָס אַנדזשעלעס, 1945).

צום סוף[7] פֿון יאָר 1896 בין איך, נאָך כּמעט[8] אַ ייִנגל, געקומען קיין וואַרשע מיט דער בפֿירושער כּוונה[9] אײַנצונעמען[10] די שטאָט. וואָס זענען מײַנע קוואַליפֿיקאַציעס פֿאַר דעם דעראָבערישן צוג[11] ? גאָרנישט. סײַדן[12] אפֿשר[13] דער גוטער ווילן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט[14] אין אָנהייבן שרײַבן – און צערײַסן – אינעם עלטער פֿון אַכט יאָר. [...]

געקומען קיין וואַרשע, האָב איך אין מײַן האָטעל אָנגעטון אַ „וויזיטקע" – אַ בגד[15] וואָס איז מסתּמא[16] אַרויסגעקומען פֿונעם שידוך[17] צווישן אַ סורדוט[18] און אַ פֿראַק[19] – און אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק[20], ווי עס האָבן געטראָגן די שילער פֿון די רעאַל־גימנאַזיעס[21]. אין דער דאָזיקער אויסשטאַטונג[22], האָב איך אָנגעקלונגען אויף צעגלאַנע נומער איינס, בײַ אַ טיר, וווּ אויף אַ מעשענעם טאָוול[23] איז געווען אויסגעקריצט : „י. ל. פּרץ מקבל בשעה הרביעית אַחרי הצהרים"[24]. די טיר האָט געעפֿנט פּרץ אַליין. פּרצעס אַזוי אויך גרויסע אויגן זענען נאָך גרעסער געוואָרן ווען ער האָט דערזען מײַן הילוך[25]. [...] ער האָט מיך אַרײַנגענומען אין זײַן קאַבינעט, און מיר האָבן געשמועסט וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט דעמאָלט אַזוי ווי ניט עקזיסטירט. עס איז געווען נאָך שלום־עליכמס[26] *פֿאָלקסביבליאָטעק* ; נאָך ספּעקטאָרס *הויזפֿרײַנד* ; דער ערשטער פּעריאָד פֿון פּרצעס *ייִדישע ביבליאָטעק* איז געווען פֿאַרגאַנגענהייט. [...] עס זענען געווען בין־השמשותדיקע[27] יאָרן ; פֿאַר מיר – יאָרן כּמעט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג[28] איבער דער מעגלעכקייט פֿון אַ ליטעראַטור אין ייִדיש. מענדעלע האָט אין אָדעס פֿאַרוואַלטעט[29] מיט דער דאָרטיקער תּלמוד־תּורה[30] ; שלום־עליכם האָט געמנחם־מענדלט[31] אין קיִעוו, און פֿון זיי ביידן האָט מען אין וואַרשע ניט געוווּסט, אויסער צווישן די פּאָר שרײַבער. אין וואַרשע גופֿא[32] האָבן געוווינט פּרץ און ספּעקטאָר, נאָר איך בין מסופּק[33] צי דער וואַרשעווער עולם[34] האָט זיי געקענט ווי שרײַבער. דוד[35] פּינסקי האָט שטודירט אין בערלין – [...] און שוין. דאָס איז געווען די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור.

[...]

אַז איך בין געקומען צוריק אין 1903, איז וואַרשע געווען נישט צו דערקענען. אויף די געמאַרקן[36] צווישן צוויי יאָרהונדערטער זענען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן די צוויי גרויסע ייִדישע פּאָליטישע באַוועגונגען, דער מאָדערנער ציוניזם[37] און דער בונדיזם. אין פּעטערבורג האָט עקספּלאָדירט די ערשטע טעגלעכע צײַטונג אין ייִדיש, דער *פֿרײַנד*. [...] פּרץ איז געוואָרן אפֿשר דער גלענצנדיקסטער רעדנער אין ייִדיש וואָס איך האָב ווען געהערט, אַ שלאָגנדיקער פֿאָנטאַן פֿון בליציקע געדאַנקען און פֿאַרביקע רייד ; שלום־עליכם – דער פּאָפּולערסטער, געלייענטסטער שרײַבער אַפֿילו אין פּוילן. ביאַליק, בערדיטשעווסקי און יהודה[38] שטיינבערג האָבן געשריבן אי העברעיִש אי ייִדיש [...]. מ'האָט אָנגעהויבן הערן פֿון אַמעריקע : מאָריס ראָזענפֿעלד – קאָברין – ליבין – יעקבֿ[39] גאָרדין – אַבֿרהם[40] ליעסין. [...] און אין וואַרשע אַליין : פֿרישמאַן – דינעזאָן – זעצער – בעל־מחשבֿות[41] – רייזען – נאָמבערג – אַש – ווײַסענבערג – ז. שניאור[42] – יעקבֿ שטיינבערג – י. ד. בערקאָוויטש ... אָהאָ ! אויס מיט די חלומות[43] וועגן אײַננעמען וועלטן. וועסט זײַן צופֿרידן, גוטער ברודער, צו קענען באַשטיין דײַן אייגן שטעטל[44]. [...] דער מענטש וואָס האָט געזען די נײַע ייִדישע ליטעראַטור ווי אַ קליין ריטשעלע[45], איז איצט געשטאַנען בײַ די ברעגן פֿון אַ טײַך, וואָס אים איז באַשערט[46] געווען צו צעגיסן זיך איבער אַלע לענדער ווו ייִדן וווינען.



**י. ל. פּרץ** D.R.

1. NEShOME âme/soul 2. YITSKhOK LEYBUSh PERETS (1852-1915) 3. rue Ceglana (aujourd'hui rue Perec)/Ceglana street (today : Perec street) 4. appréciation 5. ZIKhROYNES mémoires/memoirs 6. KhEYDER *ici* école/*here* school 7. SOF fin/end 8. KIMA'T presque/almost 9. BEFE'YREShER KAVONE *ici* ferme intention/express intention 10. conquérir/conquer 11. campagne de conquête/campaign of conquest 12. à part/unless 13. EFShER peut-être/perhaps 14. s'est exprimé/was expressed 15. BEGED vêtement/garment 16. MISTOME sans doute/probably 17. ShIDEKh alliance/*here* combination 18. redingote/overcoat 19. smoking/dinner jacket 20. visière brillante/shiny visor 21. lycées/high schools 22. accoutrement/get-up 23. plaque de laiton/brass plaque 24. Y. L. PERETS MEKABL BEShO HAREVIIS AKhRE HATSOHORAIM Y.L. Perets reçoit à partir de 4 h de l'après-midi/receives from 4 p.m. 25. HILEKh accoutrement/attire 26. ShOLEM-ALEYKhEMS de/of Sholem-Aleykhem 27. BEYN-HAShMO'ShESDIKE crépusculaires/twilight 28. désespoir/despair 29. dirigeait/ran 30. TALMUD-TOYRE école de/school Talmud-Torah 31. GEMENAKhEM-MENDLT faisait son Menakhem Mendl (boursicotait comme le héros de son roman)/was playing the stock exchange (like Menakhem-Mendl, the hero of his book) 32. GUFE même/itself 33. ... MESUPEK je doute/I doubt 34. OYLEM public 35. DOVID 36. à la charnière de/at the turning 37. TSIENIZM sionisme/Zionism 38. YEHUDE 39. YANKEV 40. AVROM 41. BALMAKhShOVES 42. ShNEYER 43. KhALOYMES rêves/dreams 44. se défendre tout seul/hold your own 45. ruisseau/rivulet 46. destiné/destined.

# פֿון סיני[1] ביז ניסקע[2]

## פֿון אַהרן[3] צייטלין



אַ ייִדישער הויף אין וואַרשע D.R.

פֿון משה רבנוס[4] סיני גייט
אַ קייט[5], אַ קייט, אַ גלײַכע קייט
ביז שליסקע[6], ביז ניסקע.

פֿון שליסקע ביז ניסקע,
פֿון מאָראַנאָוו ביז באָניפֿראַטן[7] –
וווינט ס׳וואַרשעווער ייִדישע פֿאָלק :
חסידים[8] און, להבֿדיל[9], ווילע יאַטן[10],
ריסטאָקראַטן[11],
בעל־עגלות[12] –
הייס־פֿאַרביקער ייִדישער גלות[13].

איבער וואַרשע גיי איך
און ס׳באַגלייט מיך דער טעם[14] און דער ריח[15]
פֿון די נאַינס[16] און די שאָינס[17] און די יאַכן[18],
פֿון די וווּעס[19] און כ׳וואַיס־ניש[20] און גו׳ניש־צי־מאַכן[21].
סאַרנע[22] גוייִשקע[23] שפּראַכן
קענען מיט דיר זיך פֿאַרגלאַכן[24],
מוזיק פֿון מײַן וואַרשעווער ייִדיש פֿאָלק !

1. sinay Sinaï 2. אַ ייִדישע גאַס אין וואַרשע 3. arn 4. moyshe rabeynes de Moïse/Moses's 5. chaîne/chain 6/7. אויך נעמען פֿון וואַרשעווער גאַסן 8. khsidim Juifs hassidiques/Hasidim 9. lehavdil excusez la comparaison/excuse my saying them both in the same breath 10. petits voyous/little rascals 11. „אַריסטאָקראַטן" פֿון אַרויסרייד פֿאָלקישער 12. balegoles cochers/coach drivers 13. goles diaspora 14. tam saveur/flavor 15. reyekh parfum/fragrance 16. אַלע ווײַטערדיקע ווערטער זענען געשריבן ווי אַרויסגערעדט אין וואַרשעווער דיאַלעקט : נאַין=ניין 17. שאָין=שוין 18. יאַך=איך 19. וואָס 20. איך ווייס נישט 21. גאָרנישט צו מאַכן 22. וואָס פֿאַר אַ 23. גוייִשע 24. פֿאַרגלײַכן



ליטעראַרישער היים : איר מאַמע, מנוחה[12] ראַם, איז געווען אַ ייִדישע שרײַבערין און לערערין, דער שטיפֿטאַטע, משה וואַלדמאַן, איז געווען אַ פּאָעט און כלל־טוער[13] און די היים איז געווען אַ צענטער פֿון דער ייִדישער קולטור אין פּאַריז. רחל ערטעלס פֿאַרדינסטן[14] פֿאַר דער ייִדישער קולטור אין פֿראַנקרײַך זענען ניט אָפּצושאַצן[15]. דאָס האָט זי אײַנגעפֿירט דעם לימוד[16] פֿון ייִדיש אין דעם אינסטיטוט פֿאַר ענגלישער און אַמעריקאַנער קולטור „שאַרל 5" אין פּאַריז, וואָס האָט אויסגעבילדט גאַנצע דורות[17] סטודענטן פֿון די מיטעלע 70ער ביז סוף 90ער יאָרן. זי האָט אויך אָנגעפֿירט מיט[18] אַ סעריע איבערזעצונגען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אויף פֿראַנצייזיש, אַליין איבערגעזעצט אַ ריי ווערק און דערמוטיקט[19] צו דער דאָזיקער אַרבעט יונגע איבערזעצער. אַזוי אַרום איז געשאַפֿן געוואָרן די אַנטאָלאָגיע *אַ הײַזל בײַ דער ווײַסל*[20], אַן איבערבליק איבער דער ייִדישער פּראָזע אין 19טן און 20סטן יאָרהונדערט. זי איז געווען די רעדאַקטאָרין (און איינע פֿון די איבערזעצערס) פֿון דער פֿראַנצייזישער ווערסיע פֿון *כאַליאַסטרע*[21], אַ זאַמלונג מאָדערניסטישע ווערק פֿון אַזעלכע שרײַבער ווי פּרץ[22] מאַרקיש, מלך[23] ראַוויטש און אורי־צבֿי[24] גרינבערג. צווישן אירע ווערק אויף פֿראַנצייזיש קען מען דערמאָנען : *אין קיינעמס שפּראַך : ייִדישע חורבן־פּאָעזיע*[25] מיט אירע אייגענע איבערזעצונגען, *גליִענדיקע ווערטער*[26], *די שטעטל*[27] – אַ בוך וועגן ייִדישן לעבן אין פּוילישע שטעטלעך פֿאַר דער מלחמה[28].

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז רחל ערטעל אויסגעצייכנט געוואָרן אין ישׂראל מיטן מאַנגער־פּרײַז, די העכסטע אָנערקענונג[29] הײַנט צו טאָג פֿאַר שעפֿערישער ייִדיש־אַרבעט.



רחל ערטעל D.R.

12. menukhe 13. klal-… militant associatif/cultural activist 14. mérites/merits 15. inestimables/incalculable 16. limed étude/study 17. doyres générations 18. dirigé/headed 19. encouragé/encouraged 20. *Une Maisonnette au bord de la Vistule*, Albin Michel (1989) 21. *Khaliastre/La Bande*, Lachenal & Ritter (1989) 22. perets 23. meylekh 24. uri-tsvi 25. *Dans la langue de personne, poésie yiddish de l'anéantissement*, Seuil (1993) 26. *Brasier de mots*, Liana Levi (2003) 27. *Le Shtetl*, Payot (1982) 28. milkhome guerre/war 29. distinction/recognition.

# מאַפּע פֿונעם ייִדישן קוואַרטאַל אין וואַרשע

*לויט דעם בוך חורבן און אויפֿשטאַנד פֿון אידן אין וואַרשע*, מלך נײַשטאַדט, תּל־אביב, 1948






**אַמאָליקע וואַרשע**

1. די דירה[1] פֿון י.ל. פּרץ[2], צעגלאַנאַ 1 (הײַנט פּרץ־גאַס 1)
2. די רעדאַקציע פֿון דער טאָגצײַטונג *הײַנט*, כלאָדנע 8
3. די רעדאַקציע פֿון דער טאָגצײַטונג *מאָמענט*, נאַלעווקעס 38
4. די רעדאַקציע פֿון די *ליטעראַרישע בלעטער*, נאַלעווקעס 20
5. דער שרײַבער־פֿאַראײן, טלאָמאַצקע 13
6. די גרויסע שול (געבויט אין 1878, צעשטערט אין 1943)
7. די קהילה[3], גזשיבאָווסקאַ 26/28
8. דר' קאָרטשאַקס יתומים־הויז[4], קראָכמאַלנע 92
9. די דירה פֿון דער משפּחה[5] זינגער (אָרט פֿון באַשעוויסעס *מײַן טאַטנס בית־דין־שטוב*[6]), קראָכמאַלנע 10

**די געטאָ־יאָרן 1940-1943** (די גרויע ליניע ווײַזט דעם געטאָ־מויער)

10. דער אומשלאַגפּלאַץ
11. דער בונקער, מילאַ 18

**הײַנטיקע וואַרשע**

12. די נאָזשיק־שול, טוואַרדאַ 6
13. דער געטאָ־מאָנומענט (פֿון נתן[7] ראַפּאַפּאָרט, 1948)
14. דער ייִדישער היסטאָרישער אינסטיטוט (פֿאַר דער מלחמה[8] : דער יודאַיִסטיק־אינסטיטוט מיט דער ביבליאָטעק), טלאָמאַצקע 5/3
15. דער ייִדישער מלוכה[9]־טעאַטער (16/12 גזשיבאָווסקי פּלאַץ)
16. דער בית־עולם[10] (דערעפֿנט אין 1806)

1. DIRE appartement/apartment 2. PERETS 3. KEHILE siège de la Communauté juive/Jewish Community headquarters 4. YESOYMIM-... orphelinat/orphanage 5. MISHPOKHE famille/family 6. ...BEYS-DIN-... *Le Tribunal de mon père/My Father's Court* 7. NOSN 8. MILKHOME guerre/war 9. MELUKHE- d'Etat/State 10. BEYS-OYLEM cimetière/cemetery.

פֿאָרווערטס

אַרטיקלען דערשינען אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג *פֿאָרווערטס* אין פֿעברואַר און מאַרץ 2007

# ד"ר מרדכי שעכטער[1] געשטאָרבן

## פֿון איציק גאָטעסמאַן

[...] מרדכי שעכטער איז געווען דער לעצטער גרויסער ייִדישער פֿילאָלאָג פֿון אייראָפּע, אַ תּלמיד[2] פֿון חיים[3] גינינגער, אַ קאָלעגע פֿון די פּראָפֿעסאָרן מאַקס ווײַנרײַך און זײַן זון, אוריאל[4] ווײַנרײַך, צווישן אַנדערע. זײַן וויסן און מבֿינות[5] פֿון ייִדיש האָט געשמט[6] איבער דער וועלט. ווער סע האָט נאָר געהאַט אַ שפּראַך־שאלה[7], צי וועגן ווערטער, צי וועגן סטיליסטיק אָדער טערמינאָלאָגיע, איז געקומען צו אים פֿרעגן. במשך פֿון[8] דער צווייטער העלפֿט פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט האָט ער געפֿירט דעם וויכטיקן קאַמף פֿאַר אַן איינהייטלעכן ייִדישן אויסלייג[9].

איצי מרדכי שעכטער איז געבוירן געוואָרן אין טשערנאָוויץ אין 1927 און האָט איבערגעלעבט די מלחמה[10] אין דער טשערנאָוויצער געטאָ. זײַן ייִדישיזם האָט ער געירשנט[11] צום גרעסטן טייל פֿון זײַן טאַטן, בנימין[12] שעכטער, וועלכער איז געגאַנגען מײַלן צו פֿוס, „עולה־רגל געווען"[13] זיך צו באַטייליקן אין דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ פֿון 1908. נאָך דער מלחמה האָט מרדכי שעכטער שטודירט לינגוויסטיק און געאָגראַפֿיע אין בוקאַרעשטער אוניווערסיטעט און דערנאָך באַקומען אַ דאָקטאָר־טיטל אינעם ווינער אוניווערסיטעט אין 1951 צו 23 יאָר. זײַן דיסערטאַציע האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן ווערבאַלן אַספּעקט אין ייִדיש. נאָך אין די ווינער שארית־הפּליטה־לאַגערן[14] האָט שעכטער אָנגעהויבן צו זאַמלען פֿאַרן ייִוו"אָ[15], וואָס האָט זיך איבערגעצויגן פֿון ווילנע קיין ניו־יאָרק מיט ד"ר מאַקס ווײַנרײַך בראָש[16]. אין 1951 איז ד"ר שעכטער אָנגעקומען קיין אַמעריקע און געדינט אין דער אַמעריקאַנער מיליטערישער אויסשפּיר־אַגענטור[17].

סײַ אין אייראָפּע, סײַ אין אַמעריקע האָט ד"ר שעכטער אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער „פֿרײַלאַנד־ליגע", אַ טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געשטרעבט צו באַזעצן ייִדן אין איין טעריטאָריע – אַ ייִדיש־רעדנדיקע. ער האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט לערנען אַגריקולטור, ער זאָל קענען ווערן אַ ייִדישער פֿאַרמער, אָבער פֿון דער פֿאַרמערײַ איז גאָרנישט געוואָרן. היות[18] די טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג האָט פּראַקטיש ווייניק געטאָן זינט די 1950ער יאָרן לטובֿת[19] אַ ייִדיש־טעריטאָריע, האָט שעכטער אין 1979 געביטן דעם נאָמען און ציל פֿון דער אָרגאַניזאַציע צו דער „ייִדיש־ליגע", אַ ייִדישיסטישע אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פֿון דער ייִדיש־ליגע ביז ער איז קראַנק געוואָרן אין 2004. דאָ אין לאַנד האָט ד"ר שעכטער אָנגעהויבן לערנען ייִדיש אין די פֿאָלקשולן און אינעם „ייִדישן לערער־סעמינאַר". צו יענער צײַט איז די שפּראַך און דער אויסלייג אין דער ייִדישער פּרעסע געווען אויף אַ נידעריקן ניוואָ, מיט כּלערליי[20] אַנגליציזמען, דײַטשישע ווערטער און אַלטמאָדישער אָרטאָגראַפֿיע. מרדכי שעכטער האָט זיך אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט צו פֿאַרבעסערן די ייִדישע קולטורוועלט אין דעם פּרט[21] [...]. די געשיכטע פֿון אײַנפֿירן דעם איינהייטלעכן אויסלייג, וואָס הייבט זיך אָן לאַנג פֿאַר שעכטערן, קען מען לייענען אין זײַן עסיי „דער איינהייטלעכער ייִדישער אויסלייג : פֿון פֿאָלקשפּראַך צו קולטור־שפּראַך" (1999).

[...] [ער] האָט אין 1964 געהאָלפֿן שאַפֿן די סטודענטישע אָרגאַניזאַציע „יוגנטרוף". נאָר אַ דאַנק שעכטערס געטרײַשאַפֿט[22] צו



**מרדכי שעכטער** D.R.



1. Mordkhe Schaechter (1927-2007) 2. talmid élève/student 3. khayim 4. uriel 5. mevines compétence/expertise 6. geshe'mt était renommé/was famous 7. shayle question 8. bemeshekh ... au cours/during 9. orthographe yiddish standardisée/standard Yiddish spelling 10. milkhome guerre/war 11. geyarshnt hérité/inherited 12. binyomin 13. oyle-regl... a fait le pélerinage/made the pilgrimage 14. sheyres-hapleyte-... camps de personnes déplacées/D.P. camps 15. YIVO ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט 16. bero'sh à sa tête/at the head 17. Service des renseignements/intelligence agency 18. heyo'ys comme/since 19. letoyves en faveur de/in favor of 20. ko'lerley toutes sortes de/all kinds of 21. ... prat à cet égard/in this respect 22. dévouement/devotion

דער גרופּע האָט זי געקענט זיך האַלטן אויף די פֿיס און אָנגיין ווײַטער במשך פֿון 40 יאָר.

[...] ד״ר שעכטער האָט געאַרבעט נישט בלויז געזעלשאַפֿטלעך לטובֿת דעם המשך[23] [פֿון ייִדיש], נאָר אויך אין זײַן אייגענער משפּחה[24]. ווען די שעכטערס – מרדכי, זײַן פֿרוי טשאַרנע און זייערע פֿיר קינדער האָבן זיך אַרײַנגעצויגן אויף ביינברידזש עוועניו אין בראָנקס, אין די 1960ער יאָרן, זענען זיי געוואָרן די שכנים[25] פֿון די פֿישמאַנס[26] און גאָטעסמאַנס[27]. די דרײַ משפּחות, צוזאַמען מיט אַנדערע משפּחות, וואָס האָבן געשיקט זייערע קינדער אין דער שלום־עליכם[28]־שול אויף דער אַנדערער זײַט גאַס, האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט[29] אַ קליין שטעטל, ביינברידזשיווקע[30], אין וועלכן די קינדער האָבן גערעדט ייִדיש צווישן זיך און אויפֿגעוואַקסן ווי כּלל־טוערס[31] און שאַפֿערס אין דער ייִדישער קולטור־וועלט. מע קען זיך אויך באַרימען אַז די קינדער פֿון די שעכטערס קינדער, זעכצן אייניקלעך, האָבן אויך אויף ייִדיש גערעדט צו זייער זיידן.

צווישן די וויכטיקסטע פּובליקאַציעס פֿון ד״ר שעכטערן קען מען אָנרופֿן *לײַטיש מאַמע־לשון*[32] (1986), *ייִדיש צוויי : אַ לערנבוך פֿאַר מיטנדיקע און ווײַטהאַלטערס* (1993) און די טערמינאָלאָגישע ביכער *טראָגן, האָבן און פֿריִיקע קינדער־יאָרן*[33] (1991), *ענגליש־ייִדיש ווערטערביכל פֿון אַקאַדעמישער טערמינאָלאָגיע* (1988) און *די געוויקסן־וועלט*[34] *אין ייִדיש* (2005).

[...] ד״ר שעכטער האָט געזוכט דאָס אויטענטישסטע, דאָס עכט ייִדישיסטישע. [...] זײַן *ווערטערבוך פֿאַרן 21סטן יאָרהונדערט* (ווערט צוגעגרייט), וועט ווײַזן דעם וועג, ווי אַרויסצוקוקן צום מאָרגן פֿון ייִדיש. [...] לאָמיר אויך האָפֿן אַז זײַן ירושה[35] און השפּעה[36] וועלן בלײַבן ווי אַן אינספּיראַציע פֿאַר די קומענדיקע דורות[37].

23. HEMSHEKh continuation/*here* transmission 24. MISHPOKhE famille/family 25. ShKhEYNIM voisins/neighbors 26/27. צוויי באַרימטע משפּחות אין דער וועלט פֿון ייִדיש לערנען אין אַמעריקע 28. ShOLEM-ALEYKhEM 29. constituaient/made up 30. d'après/named after Bainbridge Avenue 31. KLAL-... militants associatifs/cultural activists 32. ...-LOShN bon yiddish/proper Yiddish 33. grossesse, accouchement et petite enfance/pregnancy, childbirth and early childhood 34. le monde des plantes/the world of plants 35. YERUShE héritage 36. HAShPOE influence 37. DOYRES générations, *sing.* דור DOR.






# אַ בילד פֿון וואַרשעווער ייִדיש לעבן

דעם 1טן מערץ האָט דער ישיבֿה־אוניווערסיטעט־מוזיי[1] געעפֿנט אַן אויסשטעלונג[2] פֿון בילדער פֿון פּוילישע ייִדן, וואָס פּאָליאַקן האָבן באַקומען פֿון זייערע ייִדישע שכנים[3] פֿאַר דער מלחמה[4]. די שלום־פֿונדאַציע[5] אין פּוילן, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גאָלדע טענצער[6], האָט באַקומען פֿון די פּאָליאַקן אַכט טויזנט פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס אַ טייל פֿון זיי זײַנען אויסגעשטעלט אינעם ישיבֿה־אוניווערסיטעט־מוזיי. דער אויפֿנעם איז געווען זייער אימפּאָזאַנט און די פֿאַרווײַלונג – גאָר געלונגען. אַן אַנסאַמבל, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַליסיאַ סוויגאַלס און אַנדערע קלעזמאָרים, מיט די זינגער עלענאָר ריסאַ און ראָבערט אייבלסאָן, האָבן אויפֿגעפֿירט אַ פּראָגראַם צונויפֿגעשטעלט און אַדאַפּטירט פֿון זלמן[7] מלאָטעק. זיי האָבן געגעבן אַ בילד אין ליד און וואָרט פֿון דער שטאָט וואַרשע – פֿון די גאַסן און קאַבאַרעטן, פֿון די פֿאַרשיידענע טיפּן און גרופּעס. דער עולם[8] איז ממש[9] געווען אַנטציקט[10] פֿון דער פּראָגראַם. מיר הערן, אַז מען וועט די פּראָגראַם ווידער אויפֿפֿירן אין צוויי וואָכן אַרום.

1. YEShIVE Yeshiva University Museum, 15 West 16th St., N.Y 2. exposition/exhibition 3. ShKhEYNIM voisins/neighbors 4. MILKhOME guerre/war 5. ShOLEM-... Fondation Shalom, Varsovie/Foundation Shalom, Warsaw 6. Golda Tencer, chanteuse et responsable communautaire polonaise/Polish singer and cultural activist 7. ZALMEN 8. OYLEM public 9. MAMESh vraiment/really 10. ravi/delighted.


## איך וויל אַבאָנירן דעם פֿאָרווערטס

אַבאָנעמענט־פּרײַז : פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 63 דאָלאַר, האַלב יאָר – 12 דאָלאַר

איבער דער וועלט : ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 04 דאָלאַר, האַלב יאָר – 52 דאָלאַר, לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 79 דאָלאַר

נאָמען : ........................................................ קרעדיט־קאַרטע־נומער : ....................................

אַדרעס : ........................................................ אויסגאַנג[4]־דאַטע : ....................................

........................................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס : The Yiddish Forward, 45 E 33rd Street New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. YAM-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration.

# קנוט דער סופּערסטאַר



D.R.

ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַ סך באַרימטע בערן : דער אַמעריקאַנער טעדי־בער, דער רוסישער מישקאַ, וויני דער פּו און פּאַדינגטאָן פֿון ענגלאַנד, און איצט קומט קנוט, דאָס אײַזבערעלע[1] פֿון בערלין. נאָר אין קעגנטייל[2] צו אַלע אַנדערע, איז קנוט אַן אמתער[3] לעבעדיקער בער.









דעם 5טן דעצעמבער 2006 אין דעם בערלינער זאָאָ־גאָרטן האָט אַ 20־יעריקע אײַזבעריכע[4] מיטן נאָמען טאָסקאַ געבוירן צוויי בערעלעך. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין 30 יאָר אַז אַ בער איז געבוירן געוואָרן אין דעם בערלינער זאָאָ, און דאָס האָט אַלעמען שטאַרק דערפֿרייט. אָבער די בעריכע האָט זיך גלײַך אָפּגעקערט פֿון די קינדער און נישט געוואָלט זיי זייגן[5]. נאָך פֿיר טעג איז איין בערעלע געשטאָרבן. דאָס צווייטע, וואָס מען האָט אָנגערופֿן קנוט, האָט מען באַשלאָסן צו ראַטעווען אויף יעדן פּרײַז[6]. האָט מען אים אַרײַנגעטאָן אין אַן אינקובאַטאָר[7], געקאָרמעט[8] זעקס מאָל אַ טאָג מיט אַ קינדער־פֿלעשעלע און זײַן נײַע מאַמע (איינער פֿון די היטער[9]) איז געבליבן מיט אים טאָג און נאַכט. זײַן וואָג בײַם געבוירן ווערן איז געווען בלויז 810 גראַם אָבער ער האָט גוט געגעסן און גוט צוגענומען[10], ביז ער איז געוואָרן דאָס שיינע קײַלעכדיקע פּוכיקע[11] בערעלע וואָס מען זעט אויף די פֿאָטאָס. אין עלטער פֿון 15 וואָכן האָט ער געוועגט (קיין עין־הרע[12]) נײַן קילאָ. דעם 9טן אַפּריל האָט ער געמאַכט זײַן ערשטן אַרויסטריט[13] פֿאַרן פּובליקום. איז ער גלײַך געוואָרן דער ליבלינג פֿון דעם גאַנצן עולם[14].

אָבער אַפֿילו[15] אין אַזאַ שיינער מעשׂה[16] מוז זײַן אַ שטיקל פּאָלעמיק : צווישן די שטיצער פֿון חיות־רעכט[17] מיינען אייניקע אַז מע וואָלט נישט געדאַרפֿט ראַטעווען דעם בער. זיי האַלטן אַז אַ בער אויפֿגעהאָדעוועט דורך מענטשן וועט נישט זײַן קיין נאָרמאַלער בער. אַנדערע ענטפֿערן אַז אויב מע וואָלט (חלילה[18]) גלײַך געטייט דאָס בערעלע (ווי מען טוט אָפּט מאָל אין אַזעלכע פֿאַלן) וואָלטן די חיות־ליבהאָבער גוואַלדיק פּראָטעסטירט.

איצט איז שוין אַריבער די פּאָלעמיק. קנוט וואַקסט און קוועלט[19] און די גאַנצע וועלט קוועלט פֿון אים. די בערלינער זײַנען אַוודאי[20] אַנטציקט[21] מער פֿון אַלעמען, ווײַל אַ בער איז אויך דער סימבאָל פֿון זייער שטאָט. די קנוטמאַניע ווערט וואָס אַ טאָג גרעסער. אין די ערשטע פֿינף טעג זענען אָנגעקומען אין זאָאָ 30 000 באַזוכער און די היטער זאָרגן זיך שוין אַז אַזוי פֿיל מענטשן קענען שאַטן קנוטן און די אַנדערע חיות. ווי געווײנטלעך איז שוין אויפֿגעוואַקסן אַ גאַנצע אינדוסטריע מיט פּאָסטקאַרטלעך, סוּווענירן, פּליושענע בערעלעך און העמדלעך מיט קנוטס פּאָרטרעט.

אין זאָאָ הייבט מען שוין אָן צו טראַכטן וועגן שידוכים[22] ווען קנוט וועט נאָך אַ ביסל אונטערוואַקסן און עס וועט זיך אים פֿאַרוועלן[23] אַ כּלה[24] !

1. ours polaire (*dim.*)/polar bear (*dim.*) 2. contrairement à/unlike 3. E'MESER véritable/real 4. ourse polaire/female polar bear 5. allaiter/nurse 6. à tout prix/at all costs 7. couveuse/incubator 8. nourri/fed 9. gardiens/keepers 10. a pris du poids/gained weight 11. duveteux/fluffy 12. … EYN(H)ORE que soit écarté le mauvais œil/no evil eye 13. apparition/appearance 14. OYLEM public 15. AFILE même/even 16. MAYSE histoire/story 17. droits des animaux/animal rights 18. KHOLILE à Dieu ne plaise/God forbid 19. rayonne/enjoys 20. AVADE évidemment/naturally 21. ravis/delighted 22. … SHIDUKHIM penser à des partis possibles/considering possible matches 23. aura envie/feels like having 24. KALE fiancée/bride.


דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
יצחק, מאַרי,
נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.



Der Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ: www.yiddishweb.com